דוד האָט געטון, ווען עס האָט אים געהונגערט און די,
4 וואָס זענען געווען מיט אים? ווי ער איז אַריינגע־
גאַנגען אין ג־טס הויז, און זיי האָבן געגעסן דאָס לחם־
הפּנים, וואָס עס איז נישט געווען מותר פאַר אים
צו עסן, נישט פאַר די, וואָס זענען געווען מיט אים,
5 אַ חוץ בלויז פאַר די כהנים? אָדער האָט איר נישט
געליינט אין דער תורה, אַז אַלע שבת זענען די
כהנים מחלל שבת אין בית המקדש, און פאַרזינדיקן
6 זיך דאָך נישט? איך זאָג אייך אָבער, אַז דאָ איז דאָ
7 איינער, וואָס איז גרעסער ווי דאָס בית־המקדש! און
אויב איר וואָלט געוואוסט, וואָס עס הייסט: איך
באַגער באַרמהערציקייט, און נישט קיין קרבן, וואָלט
איר נישט פאַרמשפּט די אומשולדיקע. (הושע ו׳, ו׳)
8 וואָרום דער בן־אדם איז האַר איבער דעם שבת.
9 און ער איז אַוועק פון דאָרטן, און איז געגאַנגען
10 אין זייער שול אַריין. און זע, דאָרט איז געווען
אַ מענטש מיט אַ פאַרדאַרטער האַנט. און זיי האָבן
אים געפרעגט, אַזוי צו זאָגן: מעג מען שבת היילן?
11 כדי זיי זאָלן קענען אים באַשולדיקן. ער אָבער
האָט צו זיי געזאָגט: וועלכער איז דער מענטש
צווישן אייך, וואָס וועט האָבן איין שאָף, און אויב
די דאָזיקע וועט שבת אַריינפאַלן אין אַ גרוב, וועט
12 ער זי דען נישט אָנכאַפּן, און אַרויסשלעפּן? און
וויפל איז אַ מענטש מער ווערט ווי אַ שאָף! דעריבער
13 מעג מען שבת טון גוטס. דעמלט זאָגט ער צו דעם
מענטשן: שטרעק אויס דיין האַנט! און ער האָט
זי אויסגעשטרעקט; און זי איז ווידער געוואָרן
14 געזונט ווי די אַנדערע. די פּרושים אָבער זענען
אַרויסגעגאַנגען, און האָבן זיך באַראַטן קעגן אים,
15 וויאַזוי זיי זאָלן אים אומברענגען. ישוע האָט זיך
אָבער דערפון דערוואוסט, און איז אַוועק פונדאַנען;